NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05839

AYZIKL LETS

H.D. Gildenblatt

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. ד. גילדענבלאט.

אייזיקעל לץ

אדער

צוריק אויפן גלייכען וועג

איין אמת'ע מעשה, וואס האט זיך געטראפען אין
צוויי שטאדטלאך „באיזקע" און „דומאוויץ".

ווילנא

שנת תרנ"ו לפ"ק

Айзикелъ лецъ

или

«назадъ на прямой путь».

Сочинилъ Д. I. Гильденблата.

1895.

16344
624

Дозволено Цензурою 21 Августа 1895 г.—Вильна.

ВИЛЬНА.
Типографія А. Г. Розенкранца и М. Шрифтзетцера,
на Лидскомъ переулкѣ, домъ № 2598/13
1895.

4) די פערליבטע אין אסטראָג

ער האָט גערעדט און זי האָט געשוויגען.

ריידען קאָן ער שוין פון לאַנג, נאָך פון יענער צייט אָן וואָס מען האָט איהם אויפגעהערט צו רופען „אלטערקע גנבה'טע ניקעלים" און מען האָט איהם אָנגעהויבען רופען „איזיקעל דער לץ"

ריידען קאָן ער שוין פון לאַנג, און מיט וועמען האָט ער ניט איבערגערעדט? מיט יודען און שטריימלאך, מיט קריבטע אין רוסישע קאָלאָנערס; וואו האָט דאך שוין זיין קול ניט געהאָרט? ביי רבנים, און אויף סודע, אויף אַלע מאַרק און אין פיעל אַסטראָגע, היינט האָט ער נאָך געקאָנט אַזעלכע לשונות, וואָס ווערען ניט געלערנט ניט אין קיין גימנאַזיום, ניט אין קיין שול, פון דעסט־וועגען ריידען אויף איהם נאָך פיעל מענשען און פערשטעהען זיך גאַנץ גוט.... אין דעם לשון פון גנבים איז ער געווען אַגאַנצער פילאָלאָג, האָט אַליין שפּאַנעל נייע ווערטער אויס געטראַכט, אַזוי ווי ער האָט אין דער וועלט פון די גנבים גרויסע ערפינדונגען געבראַכט, און די בלאַטע המצאות איבערגעמאַכט — דערויף איז ער געווען אַ גרויסער בריה. פיעל האָבען איהם מאַקע מקנא געווען.... איינס נאָר איז איהם ניט געווען, וואָס מקנא צו זיין, — ער האָט קיין מזל ניט געהאַט, און פלעגט זיך אָפט אַריינבאַפען, דאַמאָלס האָט איזיקעל געעפענט זיין מויל, גע'טענה'ט, גערעדט. צו האָט געהאָלפען, צו ניט — ער האָט געטהון זיינס: ער האָט גערעדט.

נאָר נאָך אַזוי ריידען ווי ער האָט היינט גערעדט, האָט ער נאָך ניט גערעדט קיין מאָל אין זיין לעבען, און גערעדט האָט ער אַזעלכעס, פון וואָס ער אַליין האָט תמיד אויס געלאַכט אַגרויס געלאַכטער? ....

איזיקעל לץ מיט ליעבע איז אַזאַ פּאָר קליידער ווי פייער מיט מים.

([illegible])

מיט וואסער. אײזיקל איז זיך אײזיקל און ליבע — ווערט איהר —
דאס איז שוין נאר אבגעזונדערטע זאך... איהם איז קאלט און ווארעם,
גוט און שלעכט געווען אזוי איהר אויך. האט ער געהונגערט,
געליטען מאנגעל, האט מען איהם געבאפט, געשלאגען, אין אבטראג
ארײנגעזעצט, האט ער דאן פערלארען זיין קדאשו און קיין זאך
איז איהם ניט געלעגען אין זינען, איז ער אבער געוועזען פריידע און
געלד געהאט, איז ביי איהם געוועזען פיעל גוטע ברידער און ליבע
שוועסטער און עס איז געוועזען אלעבעדיגע וועלט... אבענגש קאנן
זיך פאר זיך אליין ניט געסטען. אײזיקל וואלט עס קיין מאל ניט
געגלייבט, אז ער וועט געדײנקען און פיהלען אזעלכעס, וואס ער
פיהלט איצונד. ער האט אין זיין גאנצע לעבען ביז יעצט ניט איבער
געלעבט אזוי פיעל, וויפיעל ער האט איבער געלעבט אין די
לעצטע צוויי וואכען, אין דער צייט וואס ער איז אנגעקומען אין
ביטער'ן אבטראג.

אין אבטראג איז ער שוין ניט דעם ערשטע מאל, דאך איז
איהם קיין מאל נאך ביז יעצט ניט אויסגעקומען צו ריידען דאס,
וואס ער האט היינט גערעדט.

און גערעדט האט ער וועגען אהייסע, ערענסטע פלאמענדע
ליבע: וועגען א ליבע, וואס ברענט אינעם הערצען פון איין
ארענטליכען מענשען; וועגען א ליבע וואס צו שמעלצט ארײנע,
אונשולדיגע נשמה, און גערעדט האט ער וועגען דעם אלעם ניט אין
אזומער נאכט, אין וואלד, אין פעלד, וואו עס בליהען בלומען און
עס קלאבט אסאלאוויי, גערעדט האט ער עס אין א קאלטען אבענדיגע
טאג, אין דרויסען האט געגאסען א שלאקס רעגען, ווי א מבול,
אין אבטראג איז געוועזען פינסטער, חושך, די לופט האט געשטיקט
געווארגע. געזעהען האט זיך נאר דער רויך פונעם היטער, וואס
האט געריכערט זיין ליולקע און געהארכט האט זיך ווי עס קלאגט
דער ווינד, קלאפענדיג זיך אין דער קליינער שויב, וואס איז מיט

גרויסע אייזענע טירן געשלאגען געווארען. עס האט אויס געזעהן ווי ער, דער ווירט, וואלט וועלען אהער אריין, רוהען באטש דא, אבי ניט ארום דרעהען זיך אין דרויסען אין אזא שלעכטער צייט... אדער ער האט בעקלאגט די וואס זיצען דא.

נאר ניט פיעל זייען דא געוועסען, דען: אין „בית״ איז נאר איין אסטראג געווען פאר זיא, וואס האבען געדארפט זיין בייס סליעדאוואטעל, דר האט זיי דער לעצטער געהאלטען ביז ער האט אפ געמאכט זיינע סליעדסטוועס און האט זיי נאכהער אפ געשיקט אין בארנבארג אין גרויסען אסטראג. אלזא איז שוין קיין חידוש, וואס היינטיגע טאג איז דארט קיינער ניט געווען נאר א״ייזיקעל לין און נאך איינע פריילען צו וועלכער ער האט אזוי הייצ׳ אלאנגע צייט גערעדט.

ער האט גערעדט און זי האט אלין געשוויגען: געשוויגען האט זי זא לאנג ביז זי האט זיך ענדליך שטארק פערנאנדער געוויינט, און ביטער האט זי געוויינט. ביז זי איז אנגעשלאפען געווארען.

זא איז אין אונזער גאנצען לעבען: מיר וויינען, וויינען, ביז מיר ווערען איינגעשלאפען...

2) פרומע לאה דער מלאך און איהרע עלטערן.

עס איז גענוג נאר איין קוק געבען אויף איהר, קאן מען זי שוין ניט פערגעסען ווי לעבעדיג שטעהט זי פאר די אויגען, מען קאן ניט זאגען, אז זי איז וואונדערבאר שאן, אדער איבעריגס קלוג, זי איז זיך אפילו געווען ניט כאוס, און גאר קיין נאר ניט, נאר דאס אליין וואלט זי נאך ניט אין שטאנד געווען יעמאנדען פערא״נטערעסירען ווי מיט די צניעות און עהרליכקייט וואס איז איהר אויפ׳ן פנים געלעגען.

אין דוקאווין אין איהר קליין געבירגליכע שטאדטעל, האט

מען זי גערופען „פרומע לאה דער סלאך" און יעדער, וואס האט
נאר אויף איהר אקוק געגעבען, האט מודה געווען אז דאס איז
אמת. איהר ערהליכקייט דט פון אידע אייגען ארויס געשטראלט
איהרע צניעות האט איהר אויפן פנים ארויס געשיינט. פיעל יונג
לייט, נייסע חברה'ניקעס, האבען ווי הונגעריגע וואלף געשארפט
די צאהן אויף רעכטען האלטען ביסען, מע האט איהם אבער ני
געקאנגט איינבייסען. נאך פיעל מיה, ווען אלע זייערע מיטלע
איז געווען אומזיסט, האבען זיי געמוזט אויפוויכען אויף איר אחרון
און אם פרייסלען די האנד, ווי יענע פיקסעל, ניט קאנענדיג דער
לאנגען די טרויבען.

עס האט גאר קיין חכמות געהאלפען, דען וואגאר צו קומען צ
איהר איז שווער געווען, איהר פאטער פנחם אליה, ארגער וו
מען האט איהם אין „דומאוויץ" גערופען ר' פנחם אליהו דעם רבי'ס
איז געווען א פרומער יוד, אין אפערגלייבער, אפאנאטיק או
און האט שטארק געשטאלצירט מיט זיין יחוס וואס זיין פאטע
איז געווען א רב, און טאקע דא אין דומאוויץ: ער האט שטאר
געגלייבט אין דעם קל וחמר אז מה דאך פאשתו מיט איין אייגענע
ווייב מאר מען ניט ריידען אסך, היינט פשיטה א פרעמדער בחו
מיט א פרעמדער מיידעל. ביי איהם אלזא וואלט אויש געקומע
אז עס איז, כ'לעבען, גאר קיין באז ניט, אז א אידיש מיידעל טוא
גאר פין שטוב ניט ארויס געהן — וואס איז די נעהענים? וואס האט
מען דארטען אין גאס פערגעסען? ווער עס ווערט דארפען ווע
קומען אין שטוב אריין.

מיט די ווערטער האט ער געמיינט אתי, אבער ניט חלילה
אזוי א בחור זאל אריין קומען צו איהם אין הויז מיט זיין טאכטע
פערברייטען — וואס הייסט א פרעמדער בחור? וואס פאר איין עס
קאנן זי מיט איהם האבען? אידיש מיידעל דארף זיצען אין שטוב
ווי אין פסוק שטעהט כבודה בת מלך, דער כבוד פון א אידיש

טאבטער – בגימה, איז זיצע אין שטוב. א בחור דארף זיצען אין קלויז, אונ ווי קאנגען זיי גאר קומען איינע צו דער אנדערע?

דערפון, אז פאר אידיש מיידעל איז שוין אויך איינג דאס הויז פון איהרע עלטערען, עס ציהט איהר אויך אין דרויסען צו פרייהייט אונ לעבען. דערפון אז די יודישע בחורים ווילען שוין אין קלייזעל ניט זיצען, אונ ווילען בעסער לערנען די גמרא שבהוית אידער מכות, — דערפון האט פנחס אליה גאר ניט געוואוסט, אונ דערויף גאר קיין השגחה געהאט. אונ ווי זאל עס אנדערש זיין? ער האט כל ימיו פערבראכט אין קלייזעל, אזוי האט געלעבט זיין טאטע, זיין זיידע, אללע ביז די אבות, זיי זיינען אויך געזעסען ביי שם ועבר׳ן אין קלייזעל אונ זיך מפלפל געווען וועגען די דינים פון ערוב תבשילין ובהמה נאך אזעלכע וויכטיגע ענינים אין יודישקייט. אפילו עשו, וואס פלעגט זיך ארום שלעפען פוסט אונ פאס איבער די פעלדער אונ וועלדער צו זוכען געפאנגענים, פלעגט זיך אויך אריין האפען אין קלייזעל אריין, א ביסעל אנווארעמען זיך, אדער הערין ניים, אונ דערווייל פלעגט ער פרעגין א דין, כלומרשט ער איז אויך א למדן, אין דעם האט מען גאר ניט געקאנט קונה שם זיין, אונ ווי זאל דאס איצטער מיט אמאל ווערען פערענדערט דער דרך איבער וועלכען מיר יודען גייען שוין פון אזוי לאנג?....

עס איז אידם אפילו יא בעוואוסט פיעל מעשיות פון אפיקורסים, גאר דאס איז געווען אין דער צייט פון די חכמים זיל נאך א ביסעל שפעטער אויך, אין דער צייט ווען עס איז געווען ארמבים אונ איין אריסטו, היינט אבער איז דאס ניטא, היינט זיינען גאר הוילע הולטאייעס.... אונ די הולטאייעס זיינען אין די מרחקים דארטען וואו עס איז דא א דבר, אבער ניט חלילה דא ביי אונז אין אונזער קליינע יודישע שטאדלאך, — ווי קומט דאס?

זיין ווייב הינדע ריזע האט שוין פערשטאנען מעהר פון אים, נאך מיט עטליכע אונ צוואנציג יאהר צוריק, נאך אין דוטאוויין איז

(א״ל) געוועזן

געווען די גרויסע מאנטעווערס, האט זי שוין געוואקסן וואו דער לאגער איז און פערשטאנען ווי צו פירען א ליבעשאפט מיט א יונגע אפיצער, איהרע שונאים דערציילן אויף איהר, אז מידעלורים איז זי געווען א פערשייטע זאך, א פויגעל. קיין מעשה איז איהר ניט צו קליין געווען, זי האט מיט דעם יונגען אפיצער גאר געוואלט אנטלויפען, נאר נאטע ליים האבען דעם סוד מגלה געווען איהרע עלטערן, עס איז איהר שוין, פערשטעהט איהר מיך, געווען קאלט און ווארעם. די עלטערן איהרע האבען ניט לאנג געוואכט און שוין געשיקט אשדכן צום רב. דעם רב האט מען איינגערעדט, אז דאס האבען שונאים מוציא שם רע געווען אויף א בת ישראל. דער צו האט מען געגעבען א סך נדן, מיהאט נאך דעם ארעמען רב אין בייטעל אויך געגעבען, און דער שדוך איז געשלאסען געווארען, טאקע ווי מיזאגט: עס קומט דער בעשערטער גאר אין צוויי ווארטער.

פון דאמאלסט אן איז גאר ניט צו דער קאנען וואס הינדע ריווקע איז געווען פאר דער חתונה. די האר האט זי אפ געשארען, אלע פרייטאג מוז זי זיך גאלען, אין שול גייט זי אלע טאג מיט אנגריקען קרבן מנחה. איהר מאן איז אפילו ניט קיין אפיצער, ער האט אלאנגען נאז און גרויסע אויגען, וועלכע זעהען גאר דאס, וואס מען לייגט ארויף אויפ'ן נאז, דערצו קאן ער אין מיטען העלען טאג ארויס גיין אין דרויסען מיט איין אפענע הארץ און אפגעשפליעטע תחתונים, פון דעסטוועגען האט זי מיט איהם געלעבט, ווי נאר האט געבאטען און איז אלע יאהר אין קינדבעט געלעגען.

אין די יונגע יאהרען פלעגט זי יא ווען עס איז דערמאנען די פערגאנגענהייט און אויפען נעטאן זאגענדיג דערביי: ווייס איך? קינדערשער שכל!... שפעטער אבער איז, דאכט זיך אלעס פער- געסען געווארען. זי איז געווארען אין אשה צנועה, ווי א פרומע יודינע בעדארף צו זיין און איהר עלטערע טאכטער, פרומע לאה האט זי געהיט ווי די אויגען אין קאפ.

אין פרומע לאה צרות אין הדוסען, אין פון ווייטע הינטען איהר נאך געגאנגען הינדע ריווע און זיך גוט צו געהערט ווי קוקען יונגע לייט אויף איר טאכטער און מיט וואסערע בליקען ענטפערט זי זיי. האט פרומע לאה'ן אפ געשטעלט א יוד, גלאט אזוי א פראג טהון ביי איהר צו איז דער טאטע אין שול און צו איז די מאמע אין דער היים, אין פון הינטען געשטאנען הינדע ריווע און זיך צו געהערט, וואס רעדט מען דאס מיט איהר. און די „פרומע מומטע־“ דאס פון איהר טאכטער קין אונז ניט אראפ געגוסען זאגאר ווען די לעצטע האט מיט איהרע חברת'עס פערבראכט. הינדע ריווע האט געבראכט וויסען מיט וועמען זי רעדט און האט געבראכט אונטער הארען וואס מען רעדט.

— וואס רעדען מיינט איהר? אויף קינדער דארף מען שטענדיג השגחה געבען....

אנפאנגס האט פרומע לאה גאר ניט פערשטאנען אז זי ווערט געהיט, און פיעל יאהרען איז אוועק ביז זי האט זיך דער פון דער וואוסט, און אך, דער וויסען, ער איז שעדליך אלע מאל!....

איידער אבער פרומע לאה האט זיך דער פון דערוואוסט, איז זי זיך געגאנגען מיט איהר דרך, געווען שטיל ווי א טויב און עהרליך טאקע ווי א בת שבע, וואס ווייס נאך ניט פון קיין אנדערע געפילען. צווישען איהרע חברת'עס האט זי יא אמאל געהערט ריידענדיג עפעס אזעלכעס וואס האט איר געטוידעט הארענדיג, מיט א יונגען בחור האט זי זיך שוין יא אפט בעגעגענט, זי האט אבער אויף איהם נאר איין בליק געגעבען, באלד איז זי ווי צונטער רויט געווארען און איהרע אויגען אראפ געלאזען צו דער ערד, ביז עס האט זיך אפילו דר שאטען פון בחור ניט געזעהען, ווער שמועסט ריידען מיט איהם. ווען זי האט יא געמוזט ענטפערען איונגען מענשען איז עס איהר געווען נאך שווערער ווי ביי נאכט שפאלטען דעם ים, נאר דאס איז איהר אויס געקומען זייער זעלטען. דאמיט ריידען מיט

אי״ל איהר

איהר זיינען געוועזן פיל בעלנים, דען נאר באלד האבען זיי פון ווייסען הינדע ריירען דער זעהען און געסוזם פערשוואונדען ווערען ·

אין קורצען בייא דער מוטער האט זיך פרומע לאה שוין אנגעהערט פיל מעשיות פון דער און פון יענער, די האט געשטאנצט מיט אבחור, יענע האט ארום געשפאצירט, די פיהרט א ליובקע און די צווייטע -- בעהים זאל מען ווערען— איז גאר אפ געפאהרען, און מען זאגט, אז דאס איז דער פאר וואס זי קאן שוין איהרע הזונות נים בעהאלטען ····

פרומע לאה הארענדיג די דאזיגע מעשיות אלע, פלעגט ליבען גאט, וואס זי איז נים ווי זיי, אויך איהרע חברת'עס האט זי אפט געגעבען צו וויסען, אז זיא איז נים ווי זיי, זיא האט דאמיט שטארק געקטאלציערט און עס האט נאך אויס געזעהען, אז זי איז דערפון צופרידען און איז זיך גאנץ רוהיג.

רוהיג? צופרידען? גאר ניין, ווער קאן זיך ערלויבען ארום געבען דאס, וואס א יונגע פריילען דיינקט און פיהלט?···· דאס ווייסען נאר די קיסען, די דעקע, און די שפיגעל, זיי ווייסען און [illegible], און מיר מוזען אויך פערשטעהן און שווייגען····

אט דאס איז די פרומע לאה, וואס איזיקעל דער לין האט דערזעהען אין אסטראג און איז געווארען א פערקאכטער, איהר האט ער עס לאנג געדעם, ווי עס איז בעשריבען געווארען אינעם ערשטען קאפיטעל, און אט דאס איז די פרומע לאה וואס דארף גע'משפט ווערען דער פאר וואס זי האט איהר קינד אין טייך אריין געווארפען, אזוי ווי עס וועט דער צאהלט ווערען אינעם קומענדען קאפיטעל.

— ווי קומט דאס אבער? ספּיטש, פרומע לאה, דער מלאך!

— וועט דער לעזער פראגען פערוואונדערט, נאר, אך דער וויסען, ער האט אונז אין אפולע געשאדט!····

פרומע לאה איז אומגליקליך געווארען נאר דער פון

וואס

וואס זיא האט פון איהר מוטערס שמחתדיגע הקעזה, זיך פלוצים דערוואוסט ···

3) חלומט זיך גליצין, וויל איך די שליטעלע שלעפין.

פערדולט, צו קאכט איז אייזיקעלין פון ווייטען געזעסען און געקוקט אויף פרומע לאה'ן.

— היינט האט זי געשוויגען. ווי א שטומע, נאכטען אבער האט זי זיך אזוי צו רעדט און זי האט מיר דערצאהלט אזעלכעס, וואס קאנן, דאכט זיך, גיט פערגעסען ווערען: איך האב נאכטען געהערט אזעלכעס, וואס מוזען פערציטערען דאס הערץ... א, מעגלידיגע דומהיים!··· ווער פיהלט עס נאך אזוי ווי איך? בידנע פרומע לאה! ווער פערשטעהט דיך, ווער פיהלט דיך אזוי, ווי איך?... און זיא טראכטענדיג דער מאנט ער אלס, וואס פרומע לאה האט איהם נאכטען דערצאהלט.

אנגעהייבען האט זי אזוי:

— ווען איך בין אלט געווען זיעבעצעהן יאהר האט מיר מיינע אחברת'ע געגעבען ליינען אביכעל, פון וועלכען זי האט די פינגער געלעקט און ניט געקאנט איהם אפ לייגען. מיר איז עס אויך זעהר געפעלען געווארען, און האב פון דאמאלסט אן גאנצע דריי יאהר כסדר געלייענט אזעלכע ביכער. דאמאלען העבסט אינטערעסאנטע און בין אלזא שטום געזעסען אין דער צייט, ווען מיינע חברת'עס האבען ארום געשפאצירט, געטאנצט, געזונגען און פרעהליך געווען. זיי האבען געלעבט און איך האב געפאנטאזירט, איך האב זיי זייערע מעשים ניט געקאנט מוחל זיין, איך האב דאס מינדיסטע גערעכענט פאר אזינד, פאר אגארישקייט און אין דער זעלבער צייט זיינען געווען מיינע מחשבות אסך זינדיגער, און מיינע פאנטאזיעס אסך נארישער ···

— דאס איז זי טאקע גערעכט — טראכט דער ביי איזיקעל — אפשט וואלט דער מענש געווען אסך פערדארבענער אונ ווילדער, ווען ער וואלט זיך ערלויבט צו טהון דאס, וואס ער ערלויבט זיך צו טראכטען ···· אבער נתפעל ווערען פון מעשׂיות, פון אויס געטראכטע ביכלאך, וואס ניט געשטויגען אונ ניט געפלויגען, איז ב׳לעבען, טאקע אגרויסע נארישקייט, נאר אויף איונגער מיידעל פון אכצעהן — צוואנציג יאהר קאן זיין אז זאל באמת עפעס מאכען ארושם····

ער דערמאנט וויעדער איהרע ווערטער, וואס זיא האט דערצאהלט:

— א מלאך בין איך געווען צווישען מיינע חברת׳עס אונ אשר — צווישען זיך אליין: אמארמארנע שטאטנע בין איך געווען אין דרויסען אונ אוודיינער קעסטל — זיצענדיג אליין אין שטוב שפעט ביי נאכט. אפשט זאל האט דאס מיך אליין פערדראסען, פאר וואס זאל זיך מיר עפעס וואלען זיין אנדערש פון אלע מיידלאך אין דומאוויין? איך אבער האב אנדערש ניט געקאנט זיין, איך בין עפעס אזוי געוואוינט געווארען, אונ ווער דאס האט מיך אזוי איינגעוואוינט האב איך אליין ניט געוואוסט, געוואוסט נאר האב איך דאס, אז וואס פלאטענדער מיינע נארישע מחשבות זיינען געווארען, אלס קאלטער האב איך זיך, קענען מיך איינעם ווילען, געוויזען אין דרויסען. אונ דערפאר, אז דער מיט האב איך פער אינטערעסירט יונגע לייט, האב איך ניט געוואוסט.

— עהרליכע פרומע לאה! — האט דערביי איזיקעל אויפין געטהון — האסט נאך דאמאלסט ניט געוואוסט, וואס מאנסביל זיינען...

ער קוקט זיך איין אויף דער שלאפענדער פרומע לאה׳ן, וועלכע האט זיך, ווי אויפגעוואכט, זי האט אויפגעהויבען דעם קאפף הילכיג אקרעכץ געטהון אונ באלד צוריק דעם קאפף אראפ געלאזען.

זי האט זיך איבער געקוקט, אויף דעם אנדער זייט און אנשלאפען געווארען ווידער.

אייזיקעל, קוקענדיג אויף איהר פון זייטען, האט ווידער געטבען דערמאנען איהרע רייד.

אין יענער צייט איז אין דוקאוויץ אנגעקומען איינער מענש פון בארגבארג, און האט אנגעהייבען אריינגעהן צו אונז אין הויז. נאטירליך נים צו מיר, נאר צו מיינע עלטערען. ער איז געווען אפילו אגאנצער דייטש, איז אום געגאנגען אין א הוט, געטראגען ברילען און געצאלט דעם קארד. דאך האבען מיינע עלטערען מיט איהם געשמיסט, און איהם זעהר פיין צו געגומען, די מעשה דערפון איז געווען, וואס ער האט זיך אנגענומען פאר אריבער סאגן, און איינגערעדט מיין מוטער זי זאל איהר קראם איבער צאמען און איבער געבען זי איהם — ער וועט דארט מאכען אגעשעפט פון גאלדוואר. — ער האט אין דאס מיר וואונדערליך, ווי אזוי זיינען דאס מיינע עלטערען דער צו מרוצה געווארען, נאך מעהר האט מיך געוואונדערט ווי קומט דאס, אז אזעלכע פרומע ווי מיינע עלטערען זאלען אריינלאזען צו זיך אין הויז איונגען מענשען, אבחור, אין דער צייט, ווען זיי האבען אגרויסע טאכטער, און נאך מעהר די מאמע אליין פלעגט מיך לעהרנען ווי צו בעגעהן זיך מיט פאלשמאנ'ען (אזוי האט מען איהם גערופען). און פלעגט מיך אפט אריינשיקען צו איהם אין קראם אדער אין זיין צימער...

— חא, חא, חא! — האט זיך דער ביי אייזיקעל פערנאנדער געלאכט — ביי איהר איז דאס אחידוש, ביי מיר אבער איז דאס נאר איין אלטע זאך, איך ווייס, אז וואו נאר עס איז נוגע צו מסחר, צו עפעס פערדינען, פערליהרט איד זיין פרומקייט מיט זיין מענשליכקייט צו זאמען .... דאס איז אפילו נים אלע, קיין רוב אויך נים, אבער נים ווייניג זיינען אזעלכע אויך .... איך קאנן נים אין פאטער, וואס שיקט זיינע סחורה צום יונגען פריץ נאר מיט

זיין טאטער — ביי איהר וועט דער יונגער פרייז קויפען, זי ווענט ביי איהם געבען טייערער, און ער וועט פערדינען .... איך ווייס נים איין טוטער, וועלכע לעהרענ׳ זייערע טאכטער ווי צו בענייחן זיך מיט זייערע אורחים, זיי זאלען פארן אויעך פאהרען עהרליך פעצאהלען .... אט אזוי איז איזה, אלאגנע ציים בוים ער צאפען, פערצאפט, פערשליסט, פער תחבת, און פלוצים אפענט ער איין אם אלע מידרען, און צו ווארפט אלע צאפען, — נאר טפוי! שדים ווייסען, וואס איך טראכט.

איציקעל שפייט אויס און הייבט אן ווידער דערצאהלען פרוטע לאה׳ס ווארטער:

— איך האב געפאלגט, ווי זאגט מען, אבשר׳ע שיטעל מיט אבשרען לעפעל, דער טאטע שווייגט, די מאמע הייבט, ליים וועלען נים ווישען, — טא פאר וואס רעדען נים? דער טאטע פלעגט מיר דער צאהלען אמאל פיעל מעשיות פון יודישע טאכטער, ווי אשתועד, אשטיקעל איזען, איז געווען אמאל אמחיצה צווישען איינגען מאן און א פרעמדע ווייבעל .... און נאך פיעל אזעלכע מעשיות פון יודישע צנועות און מיר האט זיך פערוואלט אויך זיין אצנועה ווי זיי .... דער צו האט מיך שטארק געצויגען פאלקסמאנ׳ס בליקען, זיינע פריינדליכע ווארטער. ער האט גערעדט פונקט אזוי ווי עס שטעהט בעשריבען אין יענע ראמאנען, וואס איך האב געלעזען .... אין דעם ערשטען מאל, וואס ער האט מיך פארין האנד אנגענומען און מיך באק א גלאט געטהון, בין איך אזוי פערשווינדערט געווארען, אז איך האב נאר נים געוואוסט אויף וואסער וועלט איך בין, איך האב נאר נים געוואוסט, וואס איך זאל טהון, עס איז מיר געווארען היים, אייגג און איך בין אויף גיך פון זיין חדר ארויס געלאפען, און געגומען זיך אנגעהר טערר מיט איהם ווארער אויף איין בריעט נים שטעהן, און האב טאקע אין דער וועלכער מינוט מיין גדר געבראכען, טאקע באלד בין איך צוריק צו איהם אין צימער אריין,

את האב שוין פערבראכט מעהר פון אלע מאל – דאס אומגליק האט מיך געצייטיגט ....

– וואס זאל מען ריידען? אלע ווייבער זיינען די מוטער חוה'ס טאכטער: אפריהער זאגאר ניט אנרירען זיך און נאכהער עסען באדי שטארבען ...

– א, רבונו של עולם! עס איז מיר עפעס זעהר ניט גוט. – האט פרומע לאה געקרעכצעט, ווי אהולה אויף׳ן קראנקען בעט.

– וואס איז איך, פרומע לאה? – האט איזיקעל מיט שרעק געפרעגט צו לייפענדיג צו איהר –

– גאר ניכט – האט זי געאנטפערט – עס ברעכען מיר עפעס אלע ביינער.

– עס מוז איך זיין הארט צו ליעגען – האט איזיקעל געזאגט נעמענדיג דיא שטרה פון זיין געלעגער און עס אונטער איהר אונטער געלייגט.

פרומע לאה האט ווידער פערמאכט די אויגען און איזיקעל האט ווייטער גענומען דער מאנען איהרע רייד:

– איך האב אנגעהייבען צו פערבריינגען מיט דעם יונגען חונף ניט ווי א מלאך .... און דאמאלסט האב איך דערוואוסט, אז מיין מאמע היט מיך. דאס האט מיך שטארק צו רייצט.

– אט אזוי איז עס: אפריהער פלעגטען זיי דעם נעין אוים און שמייכען אליין צו איהם און נאכהער, אז מען פאלט אין איהם אריין ווילען זיי ניט לידען .... דורך זייערע נארישקייט ווערען מיר רשעים... נאר טפו! שדים ווייסען, וואס פאר א מחשבות עס קריכען מיר היינט אין קאפף.

איזיקעל שפייט אויס און דערמאנט ווייטער פרומע לאה'ס ווארטער:

– וואס? שומרים דארף איך? א קליין קינד בין איך? מען היט מיינע טריט, מען צאהלט מיינע ווארטער! און אז בעהעלע ווערט

זיך דערוויסען דערפון, וואס וועט ער דערויף זאגען? ניין, איך וועל צו אלעלכע בזיונות ניט דער לאזען! — אזוי האב איך געטראכט און דער מאנען אויף להכעיס, בכדי צו ווייזען איהר, אז איך בין שוין מעהר קיין קליין קינד ניט, — האב איך זיך אין גאנצען איבער געגעבען צום פאלשען תנוה. גאר דא איז שוין ניט געווען קיין שוועהר פאר א מחודה.... ער האט מיר אליין שטענדיג דערצעהלט ווי שאן, ווי חנ׳עוודיג איך בין, ער האט אליין געטרעדט וועגען ליעבע, וועגען דעם אז ער וויל מיך גליקליך מאכען, נאר גלייב די מאנסבילען.... איך האב געגלייבט, און ער האט ווירקליך זיין ווארט ערפילט, ער האט מיך גליקליך געמאכט מיט אזא חתונה, וואס אין קיין מאגאזין קאנן מען עס ניט קויפען....

— מיינע עלטערען, — דער מאנט ווייטער אייזיקעל איהרע רייד — האבען מיך ניט געשלאגען, מיך ניט ארויס געטריבען, ווי איך האב גערעכענט, פערקעהרט מען איז עפעס צו מיר געווען זעהר גוט, מיר איז דאס געווען א גרויסער חידוש. אין שטוב האט מען זיך געסוד׳עט, געשושקעט, אין בערעלעס קאמער איז געווען קריג, געשריי און געוויין — וואס? ווער? וועמען? האב איך ניט געוואוסט, און ניט געוואלט וויסען. איך האב אויף בערלען ניט געקאנט קוקען, עס איז מיר געווען פריקרע, מאוס פאר זיך אליין. מיין הארץ איז געווען פול מיט פערדרוסען און צארען: שטייגט ווי איז דאס אמענש אזוי שלעכט צו האלטען מיט פרעמדע בלוט זיין דורשט שטילען? ווי איז דאס אמענש גרייט צו ליעב זיין איינעם פערטעגיגע דעם צווייטען אונגליקליך מאכען?.... נאר איידער נאך צווישען מיינע מחשבות איז א סדר געווארען, איז ביי מיר געווען חתונה, — און ווייסט איהר מיט וועמען? מיט דעם זעלבען בערעלע פאלשטאנן.

— אגוטער מיטעל אויף חתונה האבען! חא, חא, חא! — האט אייזיקעל דער געלאכט — אזא ארט חתונה האב איך געזעהען

אין „פישער“ אין „קלעמעניץ“ אונ אין „נאיזוקע“ אויך. דאס איז א נייע מאדישער שדכן ביי דער יעצמיגער ליעבע. אונ ווען ער אפענט דעם מויל, מוזען שוין די עלטערען מרוצה ווערען ···· נאר האט זי דענן פאלשמאן געליעבט? ניין, איך בין שטארק מסופק, מיר דאכט אז פערקעהרט ····

— איי — אייזיקעל! — האט מיט איממעט פרומע לאה אויס געשריהען, אונ זיך ראפטאם אויפגעהייבען פון איהר געלעגער.

— וואס איז איך, פרומע לאה?

— זייט אזוי גוט, אייזיקעל, גיט מען זאל מיר דער לאנגע אביסעל וואסער, עס איז מיר היים, עס ווארגט מיך, עס איז מיר עפעס זעהר ניט גוט.

— בערוהיגט זיך — האט אייזיקעל געזאגט, דערלאנגענדיג פרומע לאהן אביסעל וואסער, וואס דער שומר האט איהם געבראכט, באזארגענדיג זיך דערויף, וואס זיי ליעגען ניט רוהיג אונ זייען איהם מטריח.

פרומע לאה האט אטרונק געטהון א ביסעל וואסער אונ די אלטע קווארטעל אוועק געשטעלט אויף דער ערד.

— אדאנק, איהר האט מיך נאר מחיה געווען, — האט זי געזאגט אונ זיך ווידער אוועק געלייגט.

אייזיקעל האט גענומען דער מאגען איהרע ווארטע ווייטער:

— נו חתונה! נאכדעם איז שוין רעכט? ···· אלץ ניט, גלייך ווי נאר גיסט געוועןְ! ניין! — אזוי האב איך געטראכט אונ עס האט זיך מיר געדאכט, אז אללע קינדער, וואס איך וועל געבירען, וועלען זיין ממזרים, ליים וועלען נאך זיי נאכלייפען אונ האסען — ביידנע קינדער, עלענדע אונשולדיגע נפש'לאך! ···· נאר איך האב זיי פיינד געהאט, אונ אויף דעם קינד וועלכען איך האב אין אקורצע ציים נאך דער חתונה געבארען האב איך נאר ניט געקאנט קוקען. ער האט געוויינט, געשריהען אונ מיך האט עס ניט געארט, מיינע

עלטערע פלעגט עס יא פערדריסען, פלעגע מיך דערמאנען, אז
פון צייט געבען אים עסען, נאר מעהרסטענס האבען זיי געשוויגען
אונ זיך געמאכט ניט וויסענדיג, ווי איינער זאגט: זאל זיין אזוי, עס
איז אזוי מאקע גלייכער נאר איך זאל ניט זיין דערביי.

— אבות ווי איך בין א יוד! — האט דערביי איזיקעל מיט
צארען, ווי אים געשריהען — איך קאנן אויך אפולע וואס פלעגען
מיך איבעררידען: דעם דארף מען געבען א מהן, יענעם דארף מען
ארום גנב'ענען, דא דארף מען ניט שווייגען, אונ אליין האבען זיי
זיך פון ארט ניט גערירט, נעה דו אליין מהו א יענעם א שפיצעל
גנב'ע, בונטעווע, וועט זיך איינגעבען, ברייננ צו זיי, זיי וועללען
צו נעמען מיט ביידע האנד, אלא ניט — געה ברעך דעם האלדז
אונ נאקען, באס א פבך. זיי בלייבען זיך ערליכע לייט אין דער
היים, אונ דו ווייטער זיי ניט קיין נאר אונ פאלג ניט... נאר טפו!
שדים ווייסען וואס פאר מחשבות עס באבבלען זיך מיר היינט
אין קאפ'ף.

איזיקעל שפייט אוים אונ דער מאנט ווידר ווי פרומע לאה
האט געענדיגט איהר טרויעריגען ערצאהלונגען.

— מיין מאנן, וועלכער האט דבלל געקוקט שוין אויף מיר
מיט א שלעכטער אויג, האט אויך געשוויגען, ער האט אויך אויף
עפעס געווארט. איך ווייס ניט: צו דערזיך, ביז עס וועט פערשווינדען
ווערען די פרוכט פון זיין זינד אונ דאנן וועט פערגעסען ווערען זיין
שאנדע, אדער דאנן וועט ער פון מיר אויך פטור ווערען — נאר מיך
האבען ביידע זאכען צו רייצט, עס האט מיך ווידר געקרענקט, אונ
איך האב זיך בעשלאסען אין ענדע מאכען פון זיך אונ פון מיין
קינד. אונ זא טראכטענדיג, בין איך שפעט ביי נאכט שטיל פון
שטוב ארוים, מיט נעמענדיג דאס קינד, פערוויקעלט, אונ בין אין
אין אטהעם געלאפען צום טייך. ביים ברעג טייך האב איך זיך אפ
געשטעלט אונ האב זיך פערטראכט, וואס איך האב געטראכט, ווייס

איך נים אליין, נאר באלד האב איך דער האָרט, ווי עפּעס האָט אַפּאַטש געטראָן איבערין וואַסער איך קוק זיך אַרום — איך האָב מיין מעהר נים קיין קינד ....

— אַ, מאַמינקע, גאָט שרעקט מיך עפּעס זעהר! אַ, רבונו של עולם, איך האָב עפּעס זעהר מורא! אַך, עס איז מיר היים עס איז מיר אייננ, עס איז מיר זעהר נים גוט: האָט פרומע לאה אוים געשריהען, אויפשטעהענדיג אויף גיך.

— פרומע לאה וואָס איז אייך? בערוהיגט זיך — האָט אייזיקעל געזאָגט מים שרעק צו לייפענדיג צו פרומע לאהן. זי איז געווען ווי פון שלאָף, איהרע האָר צו וואָרפען, איהר פּנים רויטה ווי פורפור, אונ ווי חינעוודיג, ווי מילד זי האָט דאַן אין אייזיקעלס אויגען אוים געוויזען.

— אַך, עס האָט זיך מיר זעהר שרעקליכע חלומות געחלום'ט

— האָט פרומע לאה געזאָגט, ווען זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט.

— געווים, ווי איהר זייט אין כוח, ווי מען משפט אייך,

— האָט אייזיקעל איהר געאַנטפערט — גאָר וואָס האָט איהר זיך שוין וואָס צו שרעקן? ווייסט איהר ווי דער רוב זאָגט: ווילסט זיך גליקן, וויל אויך די שליטעלע שלעפען ....

—ניין, פאַרין סוד האָב איך קיין מורא, עס האָט זיך מיר געחלום'ט, אַז איך שטעה פאַר דעם מורא'דיגען סוד דאָרט אין הימעל, — אַ, אייזיקעל, ווי שרעקליך! —

— איך ווייס נים .... מיר דוכט, אַז דאָרטען וועלין גאָר אויפ'ן געריכטס באַנק זיצען אַנדערע, אָדער קיינער נים, גאָר די נאַדישק יים אַליין .... טפו, וואָס איך רייד! — איהר ווייסט, פרומע לאה, איך בין פאַר היינטיגען טאָג געוואָרען אַגאַנצער פילאָזאָף, אינ ווי קומט דאָס צו מיר? אָסור אויב איך ווייס! גאָר נאָכיר אָנהייבען אַפראַהליכערע מעשה, וואו איז איצט אייער מאַנז — וואו ער איז איצט ווייס איך נים. איך ווייס גאָר דיעזעס,

אז באלד, ווי מען האט מיך געכאפּט ביים בּרעג טייך און מע האט מיך אין אספּראנג אריינגעזעצט איז ער פערשוואונדען געוואָרען, און איך האב איהם שוין, מעהר אין די אויגען ניט געזעהען.

— איהר זעהט? — האט אייזיקעל געזאָגט, נאר פרומע לאה האט איהם אפּ געשטעלט —

— יא איך זעה שוין, איך ווייס שוין — האט פרומע לאה געזיפצט. נאר אלע זיינען אזוי, אי הר וואָלט אויך בעסער ניט געווען...

— איך? איך?' — האט זיך אייזיקעל צוהיצט — אך, פרומע לאה! איהר זאָגט נאר אין וואָרט, אז איהר ליעבט מיך, וועל איך זיך מודה זיין אין גאנצען.

— אויף וואס? — האט פרומע לאה פערוואונדערט געפרעגט —

— אויף דעם — האט אייזיקעל רוהיג געאנטפערט — אז פון מיר האט איהר עס דעם קינד געהאט, איך האב איהם ביי אייך צו געגנב'עט און איך אליין האב דאס איהם אין טייך אריינגעוואָרפען, איהר זייט מיר נאך געלאָפען איהר האט מיך אבער ניט געקאנט כאפּען. איהר פערשטעהט? אין אייערע פאפּיערען, ווי איהר האט מיר דערצאהלט, שטעהט איהר פערשריבּען א פּריילין. וואָרום אייער חתונה איז דאך געווען, ווי מען זאָגט, אשטילע חתונה. נו קאָנט איהר אויך זאָגען אזוי. און דאס, וואס איהר האט פריהער געוועזען אנדערש, איז בּלאָטע. איהר קאָנט זאָגען, אז איהר האט ניט געוואָלט ארויס געבען אייער געליעבטען, און האט בעסער בעשולדיגט זיך און פערשעמט א צווייטען, אויף וועלכען איהר זייט אין כעס געוועזען שוין פון לאנג, דאס איבעריגענס וועל איך שוין ריידען, איך וועל אויפווייזען מיט אותות ומופתים, וואס מען וועט מוזען גלייבען, דערויף בּין איך דאך עפּעס אייזיקעל לץ, איהר וועט שוין דאַרפֿן ליידען אקליינעם שטראָף און באלד וועט איהר זיין פריה. איהר פערשטעהט? די גאנצע שולד וועל איך נעמען אויף זיך איהר וואָלט נאר זאָגען איין וואָרט.

— ניין, איך וויל ניט! איך קאן ניט! — מיינע עלטערן האבען זיך געלאזט קאסטען געלד, געוואלט מיך מאכען פאר א משוגענע, נאר איך האב דערצו ניט דערלאזען. אמת, עס מוז מאקע זיין א מין צומישעניש ביי מיר אין קאפף, נאר רעדען זיך פון משפט וויל איך ניט, פערקעהרט, איך וואלט וועלען, אז מען זאל מיך פערמשפטן אויף לאנגע יאהרען, אויף מיין גאנצען לעבען, נאר ניט אין א פינסטערען קעלקער זיין פערשלאסען, ואנדערען אין אזא ארט, וואו אלע זאלען זיך פון מיר א בוקר ארויף נעמען....

— אבער צו דעם איהר זאלט מיך ליעבען איז עס בלייבען נאר ניט שייך.

— אך, אייזיקעל שיט ניט קיין זאלץ אויף מיינע אפענע וואונדען; רעדט ניט דאס וואס איך קאנן שוין ניט הארען.

— ווילט איהר ניט דארף מען ניט, — האט אייזיקעל געזאגט ברוגזדיג אונ זיך ערנייטערט פון איהר אינעם צווייטען ווינקעל.

— אך, אייזיקעל!... האט פרומע לאה מיט שרעק אויס געשריהען — ערנייטערט זיך ניט פון מיר, אהן אייך איז מיר נאך ווער שרעקליך, קומט בעסער דערצאהלט מיר אייער ביאגראפיע, אזוי ווי איהר האט מיר געבעטען צו געזאגט.

— ווערט איהר, דאס איז שוין עטוואס אנדערש; עס ווילט זיך מיר שוין מאקע אויס ריידען זיך אביסעל, עס איז מיר שוין לאנג איינג אונ שווער מיין הערץ.... — האט אייזיקעל געאנטפערט אונ זיך ווידער גענעצט נעבען פרומע לאהן אויף די שטרא. ער האט שוין געוואלט אנהייבען דער צאהלען, האט זיך געעפענט די טהיר אונ עס איז אריין דער היטער אונ האט זיי עסען געבראכט.

לעזער! גאר איידער אייזיקעל וועט ענדיגען זיין עסען אונ וועט אנפאנגען זיין ערצאהלונג, וועל איך אייך אין קורצען איבער געבען אזעלכעס, וואס אייזיקלען אליין איז אויך ניט נאר גוט בעוואוסט....

4) נח הירש דער איבער שמש און זיין בן יחיד.

נח הירש איז אין מוראוויאווקע געבארען געווארען, אין מוראוויאווקע אויפגעוואקסען געווארען, אין מוראוויאווקע חתונה געהאט און אכצעהן יאהר נאך זיין חתונה דא פערבראכט און גערעכענט אפ לעבען זיינע יאהרען און שטארבען אדין דא אין מוראוויאווקע, נאר אמענגיש טראכט און נאכט לאכט.

נח הירש האט חתונה געהאט אויך אין דער זעלבער שטאדטעל, וואו ער איז געבארען געווארען און אין זיין צייט איז עס געווען אגרויסער חדוש, אמוראוויאווקער יוד זאל זיך בתחתן זיין מיט זיינע אשכן? יעדער מוראוויאווקער יוד האלט זיך אבך גראבער, קליגער און מעהר יחסן פון דעם צווייטען, אזוי, אז איינער דעם אנדערען קאנן גאר ניט אנזעהן, און בכלל איז אזעלכע חתונה. ווי זיין נאכצעס לעבען, אשווינדעל, איין אויס געגארטע זאך, אשטייב מיט אריך...

נאר די סבה פון נח הירש חתונה איז געווען די ליעבע.

— ליעבע?! — יא, נאר וואונדערט זיך ניט רבותי, דאס איז נאך אפילו געווען אין יענע יאהרען, ווען אין מוראוויאווקע האט מען פון דיזען פערשיטען ווארט גאר ניט געוואוסט. דאכאלבט האט עס אזוי געהייסען, נח הירש'ן איז געפעהלען געווארען שמואל בער'ס זוהן און האט אין דער ישיבה מיט איהם אויף איין גמרא געלערענט און אמאל אריינגעגאנגען צו איהם אין הויז אריין, וואו ער פלעגט פערביי געהענד אבליק ווארפען אויף זיין חבר'ס שוועסטער און זי איז איהם זעהר געפעהלען געווארען. שמואל בער'ן איז געפעהלען געווארען זיין זוהן'ס חבר און צו זיינע עלטערען אשדכן געשיקט, די עלטערען האבען זיך געקווינקעלט נאר לסוף זיינען זיי מרוצה געווארען.

— אשדוך טהור מען-ניט אפ זאגען, און אז יענער טרעט ניט אפ, איז דאס אפנים מן השמים, און אז גאט ברוך הוא איז געפעהלען דארף אונז אויך געפעהלען זיין.

נח הירש איז פון דעם שדוך שטארק צו פריעדען געווען, צו פריעדען אז ער געווען די צייט פון זיין עסען קאסט, און נאך מעהר נאכדעם ווען ער איז געווארען א קראמער, ער האט פער- דיענט זעהר גוט און געלעבט אזוי אז לעבען זיין לעבען ביז דעם לעצטען טאג, נאר אמענש קלערט, און די צייט צו שטערט...

נח הירש האט קיין קינדער ניט געהאט און דאס איז געווען פאר איהם דאס גרעסטע אונגליק, — שטארבען אהן אנעדאבענים, שטארבען אהן אקדיש — ערגער פון דאס קאן ניט זיין, ער וואלט צו ליעב אקינד מיט פריידען אוועק געגעבען אלעס, ער איז גרייט געווען צו שטארבען באלד שוין נאר מיט איין מינוט פריהער זעהען זיינעם אקינד; צו ליעב אזוהן, אקדיש וואלט ער געטהון אלעס, נאר איין זאך איז איהם שווער געווען צו טהון - נעמען זיך און שיידען זיך מיט זיין ווייב.

— האלט?! וואס הייסט האלט? נאר פיינד האב איך זי ניט, און דערקאן איך זיך שיידען זיך מיט איהר, וואלט איך בעסער לעבעדיגערהייד אין קבר אריין, מיר זיינען געבען אזוי צו געוואוינט געווארען איינער צום אנדערען, אז עס איז שווער זיך פער- נאנדער שיידען. און זי איז טאקע איין ערהליכע יודינע, איין אשה צנועה, נאר איינע אין דער וועלט:

די ערשטע צעהן יאהר איז אוועק אין איינע האפענונגים, נעפאהרען צום דאקטער, צו אקדר, צו אמומחה'ן, געפרובט ניצען א מכשף אויך, ווער שמועסט דעם רבין להבדיל, האט מען נאר רוהען ניט געלאזען אין איין גנוואלד: הבו בנים! — געטט צו, רבינקע, אלעס, נאר גיט קינדער! — עס האט אבער גאר נישט געהאלפען.

עס זיינען נאך אכט יאהר אוועק, שרעקליכע אכט יאהר האט נח הירש איבער געלעבט מלחמה האלטענדיג מיט זיך יעדער מינוט. אין באָרד האט זיך שוין געוויזען א ווייסע האר, ער האט שוין דער

האָרט דעם ריח פון כּבֿר, אַז באַלד שטאַרבט ער אות אַהין קינדער און נאָט ווען נאָך האָבען צו איהם אַ טענה: וואָס טייגען מיר אַלע זעצט הונדערט מיט צוועלף מצות, ווען די דרייצעהנטע, וואָס זי איז די ערשטע, האָבט דו ניט מקיים געווען?

שלעכט, מען מוז זיך נעמען. דאָס ווייב זיינס, דער זעהענדיגע זייגע פערקלעמטע, פערטרויערטע פּנים האָט גוט געפיהלט אַלע זיינע ליידען, און די ערשטע געגעבען איהר רצון אויף גט, נאָך איידער נח הירש האָט זיך געוואָגט דייטליך איהר אַרויס צו ריידען דאָס, וואָס ער טראַכט.

— איך בעט מעהר ניט ביי גאָטט, אַז ער זאָל קאָטש האָבען אזוהן, און איך זאָל פון טייטשען מיט האָרען און הנאה האָבען. — האָט זיין ווייב געטראַכט, שטעהענדיג ביים גט.

— איין אָרעם בחור בין איך געווען פאַר דער חתונה און איין אָרעמאַן דאַרף איך איצטער בלייבען. אַלעס וואָס איך האָב בין יעצט פער דינט, איז עס איהרע, איך טהור דערפון קיין הנאה האָבען. איך בעט נאָר ביי גאָטט ער זאָל זעהען מיין עלענד און מיין מידינקייט און זאָל פערטראָגען נאָר מיינע זינד און געבען מיר אזוהן, — האָט נח הירש געזאָגט מיט אַ תחינה לשון און זיך בענאַסען מיט זודיגע טהרערען.

ער האָט זיין וואָרט מקיים געווען, גענומען האָט ער נאָר אַביסעל געלד אויף הוצאות און זיינע ספרים, און דער מיט איז ער אַנגעקומען קיין נאָיווקע, וואו ער האָט באַלד חתונה געהאַט מיט איין אָרעמע אַלטע מויד, און איז געוואָרען אַיין אײַפּערשטיש.

אָנפאַנגס איז איהם דאָס גאַנצע לעבען געווען ווי מען זאָגט על אפו ועל חמתו. דעם אונטערשיעד פון זיין לעבען אין סוראָוויאָוקע וואו ער איז געווען אַליין אַבעל הבית, און זיין לעבען דאָ, וואו ער מוז חנפענען אַלע בעלי בתים און געהן רופען אויף חתונות אויף בריתען, דעם אונטערשיעד פון זיין ערשטע און צווייטע פרוי האָט

ער נאר ניט געקאנט פערדראגען און האט דערפאר אויף יעדער תנועה אז ברית א גוטע כוסע געמאכט און זיך יאמערליך צו וויינט (דאס איז שוין ביי איהם פערבליבען ביזן טויט). — נאר ענדליך האט ער זיך אביסעל בערוהיגט, דענן צו זיינע גרויסע פרייד האט זיין ווייב איהם געבארען אזוהן, וועלכען מען האט אנאמען געגעבען „אייזיק", נאר גערופען האט מען איהם „אלטערקע" פון א סגולה וועגען — עס זאל איהם חלילה קיין עין הרע ניט שאדען.

אויף וויפיעל נח הירש האט געליעבט זיין בן יחיד איז גאר ניט פאר צו שטעלען, נאכט פלעגט ער ניט שלאפען און זיצען אלץ נעבען דאס קינד'ס וויגעלע, אדער ווען ער איז שוין גראסער געווארען, נעבען זיין בעטעל, און פון איהם קיין אויג ניט אראפ גענומען. ער האט געקוקט אויף זיין קינד, געטראכט, דערמאנט זיך אלטע מעשיות און געוויינט אין דער שטיל.

איז דעם קינד עפעס ניט גוט געווען איז ער חלילה קראנק געווארען, געפאקט, געפאזלט, איז נח הירש אום געגאנגען אדער־שלאגענער, אצודולטער, עס איז איהם פינסטער געווען זיין וועלט. נאר גאט האט געהאלפען דאס קינד האט זיך אויפגעהאדעוועט.

— אגוטען טאג גאט זאל געבען, עס זאל זיין מיט מזל מיט גליק מיט נוטס און מיט בלוט, — האט נח הירש געווינשעוועט אוועק נעהענדיג פון א שכחה. ניט עפעס פאר מיין אלטערקען, — האט ער ארויס נעמענדיג פון קעשענע זיין רויטע נאז טיכעל, זיך דאנן געווענדעט צו דער בעל הבית'טע, נאריש שמייכלענדיג מיט ארחמנות פנים'על. ווי אבעטלער, — זאל ער אויך וויסען, אז ביי איך איז מיט מזל געווען אשמחה, זאל עס נאר זיין מיט מזל, מיט גליק, מיט נוטס און מיט בלוט, — וואס ווייסט איהר, קריינקע, ווי טייער איז דאס קינד אנגעקוסטען!.... און נח הירש ווישט זיך פערנאנדער, ווי אקליין קינד.

— צו וואס, זאלט איהר געזונד זיין, איז דאס וויינען, —

האט די בעל הבית'טע געאנטפערט אגליינענדיג די גאנצע פאטשיילקע מיט טארט, לעקעך א. ד. ג. — ער וועט זיך מיט נאט'ס הילף אויס האדעווען, וועט זיין אליין און איהר וועט נאך איה"ש פון איהם אייניקעל אפילו נחת דשר לעבען.

— הלואי אמן! אראנק — האט נח הירש געאנטפערט צו געבענדיג די פולע פאטשיילקע און נאך מעהר געווינשעוועט דעם בעל שמחה מיט זיין פרוי דער גאנצער משפחה און כל המסובים און איז אוועק געגאנגען, ער איז זא גיך געגאנגען, או אין דרויסען האבען שוין אלע דערקאנט, או נח הירש טראגט איצט עפעס פאר זיין בן יחיד....

ווען אלטערקע האט שוין אליין גיקענט אום געהן, האט איהם נח הירש מיט גינוקעך אויף אלע חתונות און בריתה'ן. וואוהין נאר ער איז גיגאנגען, נאך אביסיל שפעטער האט זיין אלטערקע דעם טאטען נים פערלאזען, ער האט איהם שוין געהיט און נאך גלאפען וואוהין דער טאטע איז געגאנגען, און אין קיין ארט איז זיין גאנג נים געוועזען אומזיסט, פערקעדערט נאך מען האט קיין נאסט אזוי נים מכבד געוועזען, ווי דעם אייבערשטס'ס בן יחיד, דערצו האט נח הירש אליין אויף דעם שטארק השגחה געגעבען....

אלטערקע האט זיך געשטארעט דעם טאטען פערגניגען פערשאפען מיט זיין עסען און טרינקען אזויפיעל וויפיעל דער טאטע האט געוואלט. ווען אלטערקע איז גראסער געווארען האט ער שוין אנגעהייבען ארוים ווייטען ווער ער איז, דען נאר דא אויף די חתונות און בריתה'ן האט זיך ענטוויקעלט זיין פערשטאנד, און די כלי זמר, די כלי קדש די בדחנים און די שארווער האבען געוואוסט אויף איהם או ער איז א קלוגער יונג און א גוט ברודער, ער האט פון טיש געשלעפט און זיי געטהיילט. ער האט געוואלט אלעסען פון זיינע ליים צו פריערען שטעלען.

— אטהייערער נאטור א גוט ברודער, נאר איינס אין דער

וועלט ! — האבען דאס וועלכע שפּעטער געזאגט אויף איהם די
חברה גנבים .

אלטערקע איז געווען א ניט פרומער און א פייטער בריה . עס
איז ניט געוועזען איין התונה, איין ברית, איין שמחה וואס אלטערקע
זאל דארט ניט אפּ טהון עפּעס א שפּיצעל, פון וועלכע אלע פלעגען
זיך האלטען פאר די זייטען לאכענדיג און זאגענדיג :

— נו , איז עס א מאדים א ביקעל ! נו אלין, ב'לעבען, איין
עבמענער לץ ! — און נח הירש האט דער ביי איהך א בוס'ע געפאכט
און שטארק הנאה געהאט .

אט דאס איז אייזיקעל לץ וואס זיצט יעצט געבען פרוסע
לאהן און וועט דאס איבעריגע פון זיין לעבען אלין דערצאהלען .—

5. אלין איבער א דריידעל (אביינעל) .

— א וואונדערליכע זאך , ב'לעבען — האט אייזיקעל געזאגט
עסטענדיג — דאס לעבען מאג מיר ווערען ווי גמאס, ווילעט זיך מיר
אלין עסען און וואלט נאך וואלען אנוטע זאך, איך זאג טאקע,
אז ווען איך וועל זיך שטערבען, וועל איך אויס קלייבען אפעסער
וואס מען האט מיט איהם געשיטען בראטען ; ווען איך וועל דיך
דער ווארגען , וועט עס זיין מיט אפעטע הינדעל, און ווען איך
וועל זיך דער טרינקען וועט עס זיין דווקא אין א יהדן בראנפען ,
נאר וואס בין איך שולדיג, אז איך בין פארדט אגריסער זולל וסובא
איך האב אפנים געמוזט אזוי געבארען ווערען ···· נאר עסען און
טרינקען ! ווען ניט דאס, וואלט איך נאר פון קיין אכטראגען
געוואוכט . נאר וואס קוקט איהר מיך אן אזוי פערוואונדערט ? איהר
מיינט אין דער אמת'ן, אז איך זיין אין אכטראג דער פאר, וואס
מען האט מיך געהאפט מיט א גע'גנב'עטען פפערד ? נאר לא ! איך
זיין אין אסטראג נאר פאר א דריידעל, עס האט זיך אנגעהייבען
מיט א דריידעל און זיך אויס געלאזען מיט א דריידעל און געננג .

און וואס איז דער חידוש ? איבער אהאן מיט ארון האט געקאנגט חרוב ווערן אגאנצע שטאדט ביתר , קאנן אמענש אזיין באפטן זיך אין אטטראג איבער א הדיידעל. ווען מען האט מיך פאר ביי שטאדט געפיהרט אין קעטען געשמידט , זיינען נאך מיר פיעל מענשען נאך געלאפען און געוואלט אריינקוקען מיר אין פנים אריין, פונקט ווי דארט וואלט געווען פערשריבען פאר וואס פאר א חטא מען פיהרט דאס מיך .

— איך בין געווען א בן יחיד און בין געווען דער טהייער ביי מיינע עלטערן , איבער הייפט ביי מיין פאטער , וועלכער האט זיך מיט מיר ניט געקאנט שיידען ואגאר אויף איין מינוט , און האט מיך מיט גענומען , וואוהין ער איז געגאנגען , מיין פאטער איז געווען איין איבער שמש און האט גענומען מיין אויף אלע שמחות אין שטאדט , וואוהין ער האט מיך מיט גענומען , און איך בין געוואוהנט געווארען צו גוט עסען און טרינקען און צו פראהליכקייט און אזוי פריי און וואגלאז בין איך אויף געהאדעוועט געווארען ביז זעכצען יאהר , ביז מיין פאטער איז געשטארבען . ווען ער וואלט נאך געלעבט וואלט פון מיר אויס געוואקסען א בערע וואלף דער מעלער לעקער , א מרדכי עוזר דער בעטלער אדער א פיטעל דער בדחן , צו דאס לעצטע האב איך שטארק חשק געהאט , איך האב שוין געהאט אין זיך פיל בדחנישע קונצען און אין נאיווקע האט מען מיך שוין גירופען דער „לץ" . נאר דער טאטע איז געשטארבען , און איך בין גיבליבען אין מיטען .

אייזיקעל האט אויפין ניטאן און ווייטער דער ציילט : — דער טאטע איז גישטארבען , אין שטאט איז גיווארין איין אנדער אויבער שמש , וואס האט אנדערע קינדער מיט געפיהרט אויף אלע שמחות . איך בין גיווארין אויס מחותן , עס איז מיר גיווארין זייער שלעכט , דען איך האב זיך גאר ניט גיקאנט אפ גיוואוינען פון פראהליכקייט און גוטע זאכען . עס איז קיים אוועק די שבעה איך בין ארויס

לאפן אין דרויסען, צו מיין אונגליק האב איך דער זעהן עס נייס לסינקע סמיר אונ פון קעשענע ביי איהם קוקט ארויס אגרויסע דריידעל, ווי אהונגעריגער וואלף האב איך זיך אויג געטאן נאכן מיר אונ אויף נאך ארויס געלאפענט דעם דריידעל אונ גלייך אין טיל ארין געשפארט, נאר דער סמיר איז אויך ניט קיין יאלד אונ ר האט זיך באלד דער וואוסט, וואס איהם פעהלט אונ מיך פאר ייגע האר אנגעכאפט.

— פרעמדע דריידלאך ווילסט זיך דיר! — האט ער געשריען אונ מיך געגעבען שלאגען אהן רחמנות אונ איך האב מיט געוויין ך געגעבען בעטען ביי איהם ער זאל מיך אפ לאזען. זלמנקע מיר האט אויך גהאט אויך הערין אונ ער האט מיך צו געהארט.

— מילא דו ווילסט פערזוכען א געגנב'עטען דריידעל — איז יין עולה ניט, מען דארף אבער דער צו קיין נאר ניט זיין אונ עדיינקען אז ביי א גנב גנבע'ט מען ניט — האט ער שוין מיר עזאגט מיט נוטען אונ איז מרוצה געווארען מיט מיר מאכען שלום. ען איך וועלל איהם אוועק געבען אין אנדער דריידעל.

— וואו זאלל איך געמען? — האב איך זיך ביי איהם געבעטען.

— וואס איז דאס פאר א תירוץ? — האט ער געזאגט — וואו אסט דו דעם דריידעל גענומען אונ וואו האב איך איהם גענומען? — נ אזוי רידענדיג האט ער מיך צו געפיהרט צו די קעדעבעס.

— נו, אדרבא ווייז ברי'ה'שאפט — האט ער דאן צו מיר זאגט, אונ איך האב פלינק מיינע ברי'ה'שאפט געוויזען, האב ויס געכאפט דריי דריידלאך אונ צום סמיר געבראכט. אט דאס ז געווען מיינע ערסטע גנבות אונ אט דאמאלסט האב איך מיין ד געשלאסען מיט'ן סמיר, אנפאנגס פלעגען מיר כאפען דריידלאך, געל, דאס הייסט מיר האבען זיך געהאנדעלט ביי די קעדעבעס, יי זיך געפראקטיצירט, פין זיי זיינע מיר אוועק אין די גארטנער די קאדען, נאך אביסעלע שפעטער זיינען מיר געגאנגען געווארער

וערע וויפֿשאל יעדער בעל הבית'טע האט פער גרייט געפרעגעלט
פאק אויף ווינטער און העמעס גאנץ ווייטע פעטערע, לסוף, אבי
האט ער, אט דער סמר, מיך בעקאנט געמאכט מיט א כך גנבים
און אונזער ארבעט איז שוין אוועק גאר אויף איין אנדער אופן
אט אזוי בין איך שוין אזוי ווייט פערגאנגען דאס שוועהר זיך ש
אום קעהרען צוריק...

איזיקעל האט זיך אפ געשטעלט, האט אביסעלע ווייזן געמ
און ווייטער גערעדט:

— אום קעהרען זיך צוריק האב איך שוין לאנג געוואלט
יעדער מאל וואס מען פלעגט מיך האפען פלעג איך פערלירען קו
און זיך שלאגען אין הערץ על חטא. עס האט אבער נישט געהאלפ
צווישען גנבים זאגט מען אזא ווארטעל: אז ווען משה רבינו ה
פאר גנבים צו בראכען די לוחות זיינען אלע געלאפען כאפען
ברעקלאך, דער קלענסטער שטיקעל דיבאגט האט דאך אויך אגר
ועריבה! און אזוי האט איינער געכאפט דעם „לא" און דער צווייט
דעם „תגנב"... נאר איך אפנים האב ווי א הויאט געכאפט ב
ואכען, איך האב זי נאר נים געקאנט צו פאקען איינס
אנדערען זי זאלען זיך האלטען... אין אכטראג ווייענדיג האב
געשריהען לא! מעהר שוין ניט... ארוים געהענדיג אבער האט
אין געצייגען צום „תגנב" ווייטער גנב'ענען, און ווייטער ל
א גוטען טאג. נאר איצט פון דער צייט אן וואס איך האב א
פרומע לאה, דער זעהען און אביסעל דער קאנט, בין איך געוו
איין אנדער מענש און איך האב פאר זיך אוים געקליבען
ברירות: די ערשטע איז מען זאל מיך נום בעשטראפען מיט
שטראף, וואס זאל אוים רייסען פון מיין הערצען אלע שלעכ
ווארצלען, אדער מאכען אסוף צו מיין זינדיגען „איך" אין גאנצ

איזיקעל האט נאך לאנג גערעדט, ביז ער האט פרומע
צו זיך צו געצויגען אין גאנצען און זי האט שוין געטהון גאר
וואס

וואס איזיקעל האט איהר געהייסען.

אין א קורצע צייט ארום האבען פרומע לאה'ס עלטערען זי געבראכט קיין נאיווקע צו זייערע פריינד, דענן פרומע לאה כאטש זי איז שוין פון געריכט בעפרייהט געווארען האט זי זיך געשעמט צו קומען צוריק קיין דוקאווין.

גאר ניט פיעל האט פרומע לאה פערבראכט אין נאיווקע. נאך דעם, אז איהר מאנן בארעלע פאלקמאנן איז געשטארבען צו איהר נאכן זי, איז זי באלד נאכדעם גם פערשוואונדען געווארען און קיינער האט ניט געוואוסט, וואו זי איז אהין געקומען, און מיט דער צייט האבען די צוויי נאהענטע שכנות „נאיווקע" און „דוקאווין" פערגעסען זיך אויך איזיקלען מיט פרומע לאהן צו זאמען.

6) עטליכע ווארטער פונעם מחבר.

רבותי די דאזיגע געשיכטע איז ריכטיג, איך האב אט די דאזיגע פארשיינען נוט געקאנט, און כאטש פיעל יאהרען זיינען שוין צייט דאמאלסט פערשוואונדען געווארען, כאטש פון יענער צייט אן האב איך שוין אין מיין לעבען געזעהען פיעל ארעסטאנטען, פיעל זינדיגע אזעלכע, דאך האב איך פרומע לאהן און איזיקלען ניט געקאנט פערגעסען.

אין דיא שפעטערינע יאהרען, ווען דיא צייט האט מיך פערטריבען צו וואנדערען אויף דער וועלט און צו פערשטייען ווערען אין ווייטע לאנדער, האב איך אמאל ארום געשפאנט איבער די גאסען פון דר שטאט נ... אין סיביר און האב זיך דאנן בעגעגענט מיט איזיקלען. —

— איזיקעל לין דאס ביסט דו ? — האב איך פערוואונדערט אויס געשריהען.

— יא, דאס בין איך איזיקעל, נאר קיין לין בין איך שוין ניט מעהר, איך בין אפשוטער סטאליער און לעב זיך ווי אין ארענטליכער מאנן פון מיין אייגענע מיה. פון מיין עהרליכע ארבעט

דאָס האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מײַן װײַטן פֿעטער יאָרד אין אַבעקסאַנסקין ראָמען, און פֿרומע ראַהרן.

— און װאָס איז דאָס אײגנט פֿרומע לאַה דער סלאַך? — האָב איך מיט גרױס נײַגעריקײט איבער געריסן זײַנע רייד.

— זי איז דאָ מיט מיר, נאָר קײן סלאַך איז זי שױן ניט, זי איז פּשוט מײַנע אַ װײַב און אַ מאַמע מײַנע קינדער.

— נו, און זי װאַרפֿט זיך שױן ניט אין טײַך?

— װײס איך װאָס עס רעדסט! װי זאָגט מען עס, אַז דער מאַן איז ניטאָ, זײַנען די קינדער ליעב, און נאָך װי ליעב!

— האָסט דו דאָך אױס געפֿירט װי אַלײט. סאָ װאָס דאַרפֿט זיך מיר אַז דו בײַסט פֿאַרזאָרגט? — האָב איך געפֿרעגט װען איך האָב איהם גוט בעטראַכט.

— אױס געפֿירט האָב איך, כ'לעבן, ניט שלעכט, װאַרטן האָב איך גאָר ניט. איך לױב און דאַנק גאָט אױף יעדער טראָט. נאָר קינדער — יאָט דאָס, מײַן פֿרײַנד, איז אַדרבה! עס װילט זיך מיר זײ גוט ערציִען, ניט אַזױ װי אונזערע עלטערן אונז ....

ער איז אַװעק, און איך בין פֿאַרבליבן פֿאַרטראַכטערהײד.

. . . .

אַדיע, געשעהרטע לעזער, אױף באַלדיגן װידער זעהן.

ענדע